בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ע"א**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


הרה"ח ר' יוסף ארליך ז"ל ................................ 2

די גרויסע טובה פון זיין ביים רבי'ן .................. 3

א שארפער חסיד ................................................ 4

תענית מבטל מחלוקת ומביא שלום ................. 6

דעת רבינו אודות שוחטים ומלמדים ............... 8

רייך געווארן דורך די ברכה פון רבי'ן ............ 10

אויף ראש השנה מיט קפיצת הדרך ............... 11

א פריערדיגן רבי'ן - פריערדיגע חסידים ...... 13

שריי טויזנט מאל "רבוש"ע ראטעווע מיך!".... 14

די ערעמקייט וואס האט געהערשט אין אוקריינע ........................................................ 16

החנות פתוחה והחנוני מקיף והגבאים מחזירים תדיר ........................................................ 18

דער רבי האט נישט געהייסן שלאגן .............. 19

די תורה פון שבת - אן אנדערע תורה ............ 21

דורך תשובה איז מען זוכה צו די באהאלטענע תורה ........................................................ 22

נישט געווארן אין כעס .................................. 24

אזוי פירט דער אייבערשטער - כאטש מיר פארשטייען נישט ........................................... 24


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 69**


©

כל הזכויות שמורות


**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**


יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$

עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# שיחה בשבעה עשר בתמוז

נאמרה ביום ה' פנחס תשל"ה
(טייפ מס. 80#)

## הרה"ח ר' יוסף ארליך ז"ל

(מדבר מר' יוסף ארליך ז"ל שנפטר למחרת השיחה הזאת בבית החולים 'תל השומר', ערב שבת פרשת פנחס, ובא לקבורה מוצאי שבת פרשת פנחס, בהר הזיתים).

**אין בני ברק האט ער געוואוינט, ער איז געווען דער עוסק פון בני ברק, עס איז דאך געווען א חברה אין בני ברק, פון די ערשטע מייסדים אין בני ברק איז ער געווען.** (ר' משה בינענשטאק: ער איז געווען א שוואגער פון גערשטן-קארן).

**ער האט אסאך געליטן ווען ער איז געקומען דא, הא, דעמאלט איז נישט געווען קיין הייזער, עס איז געווען וויסט, עס איז געווען זאמד, טיפע זאמד, און עס האט געברענט אזוי.**

**ער איז א חסיד, ער איז א חסיד הא, אזא אמונה אינעם רבי'ן, שטארק.**

(רמ"ב: ער האט געזאגט טאקע, ווען איך בין געווען ביי אים מיט ר' חיים שלמה'ן ראטענבערג פרייטאג, האט ער געזאגט: אה, רבי נתן האט געזאגט 'איך, גלייך צום רבי'ן'[א], צו ר' נפתלי'ן - זאגט ער. נאכדעם זאגט ער, ווי האט מען א זכיה צו זאגן אזעלכע ווערטער?! ער האט גערעדט אזוי מער פון תכלית!) **יא יא.**

(רמ"ב: און ער האט אויך דערמאנט, וואס ר' נתן האט געזאגט, ווען איינער וואלט געקומען מיט א פידל און געשפילט וואלט ער זיך זייער געפריידט, אין דעם בריוו פון די הסתלקות,[ב] און חיים שלמה האט אים ווייטער געזאגט, די מעשה פון, 'פייוול - אשרינו',[ג] און ער האט זיך מחיה געווען, ער האט נישט געוואוסט פון דעם: ער איז שוין זעכציג יאר א ברסלב'ער! פון דרייצן יאר אלט!)

---

[א] עי' אורך הסיפור, בקובץ טעם זקנים 50.

[ב] הובא בסוף ספר עלים לתרופה.

[ג] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב קצ"ה.

וויפיל יאר איז ער היינט? (רמ"ב: דריי פיר און זיבעציג, ביי דרייצן יאר איז ער שוין געווען א מקורב)

ער איז שוין דא אין ארץ ישראל מסתמא עפעס און פופציג יאר.

א ספר האט ער געמאכט. (רמ"ב: צוויי, מאמרי יוסף, חלקת יוסף).

נו, און די זאך פון צדקה, עס איז דאך א געוואלדיגע זאך,[ד] מען זאל זעהן עס זאל בלייבן, איך האב אים געזאגט בשעת ער האט נאך געקענט פארן, אז ער אליין זאל צופארן מיט דיר און עס איבערגעבן.

(רמ"ב: ער האט נישט קיין ספעציעלע פלעצער, ער גייט ארום אין די גרויסע שולן, און דאס מאכט שוין אן אלטער איד סיי ווי, פון גרויסע שולן קומט אריין בערך זיבן הונדערט פונט א חודש, אכט הונדערט פונט) אבער איצטער וועט ער עס אויך געבן? (רמ"ב: יא, דאס האט ער שוין שייכות מיט אים, מיין ברודער נעמט ביי אים די געלט אלע וואך, יעדע פאר טעג, דאס גייט אן ווייטער) ווייל ער ווייס אז מען צוטיילט עס דא פאר די ארימעלייט,

(רמ"ב: יא, און ווייטער איז דא נאך עטליכע שולן, ס'קומט דא הונדערט פונט, דארט הונדערט פונט, איך ווייס אליין נישט ווי אזוי עס קומט צונויף די צוויי טויזנט פונט וואס עס קומט אריין, דא גיט ער פערצן א האלב, אין בני ברק גיט ער עפעס פינף, ער פלעגט גיין פון א שטוב צו א שטוב מיט דעם ר' דוד [ר' דוד שצקובסקי] צוזאמען, פשוט גיין ביי די תימנ'ער פון א שטוב צו א שטוב).

## די גרויסע טובה פון זיין ביים רבי'ן

(רמ"ב: דער ערשטער מאן אירע [כנראה ר' יוסף ארליך'ס פרוי] האט אויך געהאט יענע מעשה) איך האב אים געקענט גוט, ער פלעגט פארן אויף ראש השנה קיין ירושלים, ער איז געווען א וואוילער איד, ער איז געווען א תכשיט.

יעדער איינער אין זיין בחינה איז אים א גרויסע טובה דאס וואס ער האט אין דעם רבי'נס זאך, יעדער איינער אין זיין ערך איז אים א גרויסע טובה דאס וואס ער האט זיך געהאלטן ביים רבי'ן. אביסל ווייס ער, דאס איבעריגע וועט מען וויסן שפעטער - די טובה וואס יעדער איינער האט מקבל געווען פונעם רבי'ן.

[ד] ער האט געהאט א קופה 'קופת מתן בסתר' וואס ער האט געטיילט פאר עניים אין ירושלים און בני ברק, בעיקר פאר אנשי שלומינו.

נאר וואס דען, עס וועט נאר זיין א בושה, אז מען האט ווען געקענט נעמען מערער, דאס וועט זיין א געוואלדיגע בושה! (אז איך בין) געשטאנען ביים רבי'ן וואלט איך ווען דאך געקענט נעמען מערער, האסט אנגענומען צוויי דריי שטיינדעלעך קליינע, האסט דאך געקענט נעמען גאנצע זעק, אבער די שמחה וועט אבער זיין מיט וואס מען האט נאר עפעס גענומען, ווער שמועסט אז מען האט זיך נישט געשעמט מיט דעם נאמען, מען האט זיך אנגערופן אויף דעם נאמען, עס איז א חשיבות[ה].

(רמ"ב: ער שרייט שטענדיג [ר' יוסף ארליך הנ"ל] עברי אנכי! עברי אנכי, איך בין א ברסלב'ער!) ער איז א תלמיד חכם, מיט א חברה געלערנט.

# א שארפער חסיד

(רמ"ב: ער האט שטארק געקענט, ר' שלמה גבריאל'ן[י] - האט ער געקענט גוט, ער האט זיך געוואלגערט ביי אים) ער [ר' שלמה גבריאל] איז געקומען - צוויי מאל איז ער געווען אין אומאן, תרע"ה, און תרע"ט, ער איז געווען א כהן, ער איז געווען א שארפער, אזוי שארף האט ער גערעדט, הא.

(רמ"ב: ער האט דערציילט [ר' יוסף ארליך פון ר' שלמה גבריאל] אסאך אינטרעסאנטע זאכן, ער איז א שארפער געווען, א קפדן אויך אביסל, ער זאגט אז עס איז געווען דארטן א צייט וואס עס איז געווען א טיף (מחלת הטיפוס) אין גאנץ ווארשע, עס זענען אוועק עטליכע אידן, און ביי אונזערע לייט זענען אויך עטליכע אוועק, האט מען געזאגט, אז ביי די ברסלב'ער שטארבט מען, זיי האבן געטוהן גרויסע עבודות. כאטש ביי די גערער, ביי אלע איז מען אוועק, איז געווען דארטן א לויה, און עס איז געווען זייער ביטער דארטן, צוויי ברידער זענען אוועק, האבן די מתנגדים דארטן שוין גערעדט. האט ער זיך געגעבן א קאך - ר' שלמה גבריאל, און געזאגט: זיי רעדן?! איך וועל זיי באלד - ער האט זיי געוואלט גלייך מעניש זיין, מען האט אים אפגעהאלטן ממש אין די לעצטע מינוט, ער איז געווען זייער שטארק) יא, ער איז געווען א שארפער, ער איז געווען אביסל צו שארף אויך, א חוץ דערפון ער האט געפירט דארטן די יונגעלייט אזוי שארף געפירט זיי, הא הא.

---

[ה] עי' בלקו"ה שלוחין ה"ה, ל"ו; וז"ל: וּמִשָּׁם יִלְמֹד כָּל אֶחָד הָרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁצָּרִיךְ עַל כָּל פָּנִים לִמְסֹר שְׁמוֹ, שֶׁהוּא נַפְשׁוֹ, בִּשְׁבִיל זֶה, הַיְנוּ שֶׁיִּתְרַצֶּה לִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים הַרְבֵּה עַל יְדֵי שֶׁנִּקְרָא עַל שֵׁם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וִיבַטֵּל כְּבוֹדוֹ, שֶׁהוּא בְּחִינַת שְׁמוֹ, בְּחִינַת נַפְשׁוֹ, יְבַטֵּל הַכֹּל בִּשְׁבִיל כְּבוֹד ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתְגַּדֵּל עַל יְדֵי שֶׁיִּתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיְּתַקֵּן נַפְשׁוֹ וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לִמְצֹאוֹ וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם.

[י] מראשוני גדולי תלמידי ראב"נ בפולין.

משה ע"ה (בן ר' לוי יצחק) איז געבוירן געווארן כ"ה אלול ע"ח, און ער (ר' שלמה גבריאל) איז דעם ראש השנה געפארן (פון פוילן) אויף ראש השנה, און איז געבליבן אינמיטן וועג, ער האט שוין נישט געקענט אנקומען אויף ראש השנה, איז ער אנגעקומען אויף יום כיפור (לאומאן) נו, ער איז געווען א כהן, דער פדיון הבן (של משה) איז געווען נאך סוכות, האב איך אים געבעטן ער זאל זיין כהן.

און אז ער איז געקומען צופארן, ער האט נישט געוואוסט אז ר' אברהם איז נפטר געווארן דעם יאר ע"ח, ערב ר"ח טבת, און ווען ער איז געקומען קיין אומאן איז ער געוואויר געווארן אז ר' אברהם איז שוין נישטא, איז ער ארומגעגאנגען אן א קאפ, ווייל ער איז געווען זייער כרוך נאך ר' אברהם ר' נחמן'ס – געוואלדיג. ער איז געקומען, ער האט זיך געוואלט עפעס אויסרעדן פאר ר' אברהם'ען און ער האט אים נישט געטראפן. עס איז געווען א געוואלד, ער איז ארומגעגאנגען ממש אזוי ווי צעמישט, האב איך אים געבעטן ער זאל קומען אויפ'ן פדיון הבן (להיות כהן), האט ער מיר געזאגט: איך וואלט געפארן צו דיר, איך האב געהערט אז דו ביסט געווען כרוך צו ר' אברהם ר' נחמן'ס, נאר עס איז אים אזוי ביטער אז ער קען זיך גארנישט (מסדר זיין) ער גייט ארום אזוי ווי - - ער האט געהאט - זאגט ער - פולע פעק צו אויסרעדן זיך פאר ר' אברהם ר' נחמן'ס, און איך בין געקומען און אים נישט געטראפן, ער האט זיך גערעכט - איך וועל קומען וועט ער האבן.

(רמ"ב: ער איז צוריקגעפארן קיין פוילן, דעמאלט איז דאך שוין געווען דער גרעניץ פארמאכט) יא, מען האט זיך פאר'גנב'ט, זיך אן עצה געגעבן.

ראש השנה פון ע"ה איז ער געווען, דאס ערשטע ראש השנה (מיינע), זיי זענען אלע געווען (פון פוילן), ער מיט ר' מרדכי סאקאלאווער, אלע (זענען געווען) פון פוילן, ר' יצחק ברייטער, עס זענען הונדערטער מענטשן געקומען פון פוילן, גאנץ לאדזש, און גאנץ ווארשע, גאנץ לובלין, א באזונדערער וואגאן האבן זיי גענומען, אפגעשפארט א וואגאן און געפארן, יא, אן עולם געווען הא הא, האב איך אים דעמאלטס געזעהן און נאכדעם האב איך אים געזעהן ע"ט.

(רמ"ב: ער האט געזאגט [ר' יוסף ארליך] אז מען האט גערעדט דארטן אז די ברסלב'ער לערנען נישט, האט ער (ר' שלמה גבריאל) געזאגט: אזוי? וועט מען זיך נעמען צום לערנען, און ער האט אנגעהויבן צו לערנען יבמות, רש"י תוס' מיט ראשונים, זאגט ער, ממש אויפן פלאץ האט ער איבערגעזאגט רשב"א'ס

מיט ראשונים, פני יהושע, מיט אלץ) **יא, ער איז א גרויסער למדן געוועזן!** (רמ"ב: מען איז ארויס פון די כלים פון זיין קענען לערנען) **יא, יא און אן עובד געוועזן, א עובד געוועזן - עפעס געוואלדיג, גאנצע נעכט און גאנצע טעג - -**

# תענית מבטל מחלוקת ומביא שלום

(מדבר ע"פ ליקוטי מוהר"ן תורה קע"ט[י]).

דער רבי זאגט אזוי דא, קעגן אלע מיני מחלוקת'ן, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, וואס הייסט ברוחניות א מחלוקת? ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט טאן אין עבודת השם, 'מען קריגט אויף אים', ווער? דער יצר הרע האט שוין דארטן זיינע חברה, ער איז דער שר און האט שוין דארטן חברה, מען לאזט אים נישט, הכל בכלל מחלוקת! מען שטייט אויף און מען קריגט אויף אים, מען וויל מבטל זיין - זיין דיעה, זיין רצון וואס ער וויל טאן. זאגט דער רבי - כדי צו מבטל זיין די מחלוקת דארף מען האבן תענית, קעגן די אלע מחלוקת'ן איז די עצה תענית.

דער רבי ברענגט דא דעם זוהר[ח], פון יום כיפור רעדט דער זוהר, די סגולה פונעם תענית איז, "לאכנעא לבא, לאדבקא רעותא דלבא לקודשא בריך הוא", דער רצון פון דעם מענטש זאל זיך באהעפטן צום אויבערשטן, דאס איז די סגולה פון דעם תענית, 'בעצם היום הזה[ט] 'תענו את נפשותיכם'[י], נפשותיכם מיינט מען די רצונות, תענו -

---

[י] וז"ל: דַּע שֶׁכְּנֶגֶד כָּל מִינֵי מַחֲלֹקֶת הֵן בְּגַשְׁמִיּוּת הֵן בְּרוּחָנִיּוּת שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל אוֹ לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁצָּרִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם. כִּי הַכֹּל בִּכְלַל מַחֲלֹקֶת, שֶׁעוֹמְדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו וְרוֹצִים לְבַטֵּל דַּעְתּוֹ וּרְצוֹנוֹ מַה שֶּׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת, וּכְדֵי לְבַטֵּל הַמַּחֲלֹקֶת מֵאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁתִּהְיֶה וְלַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם, עַל זֶה צָרִיךְ תַּעֲנִית:

וְזֶה מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת פֶּרֶק ב): "מַרְבֶּה צְדָקָה מַרְבֶּה שָׁלוֹם", צְדָקָה הוּא בְּחִינַת תַּעֲנִית, כִּי עִקַּר הַתַּעֲנִית הוּא צְדָקָה, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו): 'אַגְרָא דְּתַעֲנִיתָא צִדְקְתָא', כִּי בְּחִינַת הַמַּחֲלֹקֶת הוּא רָצוֹן אַחֵר שֶׁעוֹמְדִים עָלָיו לְבַטֵּל רְצוֹנוֹ, וּסְגֻלַּת הַתַּעֲנִית אִיתָא בְּזֹהַר (אַחֲרֵי ס"ח). "בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה תְּעַנּוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם" 'שֶׁמַּעֲלַת הַתַּעֲנִית לְאַכְנְעָא לִבָּא לְאַדְבְּקָא רְעוּתָא דְּלִבָּא לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא', שֶׁעַל יְדֵי הַתַּעֲנִית נִכְנָע וְנֶחֱלָשׁ הַלֵּב וְנִתְבַּטֵּל כָּל הָרְצוֹנוֹת הָאֲחֵרִים שֶׁלּוֹ מִפְּנֵי רְצוֹן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, לְאַדְבְּקָא רְעוּתָא דְּלִבָּא וְכוּ'. וְעַל כֵּן עַל יְדֵי זֶה נִתְבַּטֵּל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהוּא בְּחִינַת רְצוֹנוֹת אֲחֵרִים שֶׁלֹּא כִּרְצוֹנוֹ כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת פֶּרֶק ב'): 'בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנֶךָ', וְעַל יְדֵי הַתַּעֲנִית כְּבָר נִתְבַּטֵּל רְצוֹנוֹ מִפְּנֵי רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל, עַל כֵּן נִתְבַּטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, וְנִתְבַּטֵּל הַמַּחֲלֹקֶת וְנַעֲשֶׂה שָׁלוֹם.

[ח] ח"ג ס"ח ע"ב עיי"ש.

[ט] ויקרא כג, כח.

[י] שם טז, כט.

ס'זאל נכנע ווערן די שלעכטע רצונות, ולאדבקא רעותא דליבא לקודשא בריך הוא, דאס איז די סגולה פון תענית.

דער תענית האט א כח - אין דעם טאג, אז עס זאל נכנע ווערן די שלעכטע רצונות, און דער רצון פון די הארץ זאל ווערן באהעפט צום אויבערשטן, דאס איז די סגולה פונעם תענית.

נו, קומט דאך אויס אז דער תענית איז א זאך - ער איז מבטל זיין רצון פאר השי"ת, ער איז מקיים, 'בטל רצונך מפני רצונו', וועט מקוים ווערן 'שיבטל רצון אחרים מפני רצונך', וועט בטל ווערן די מחלוקת.

וואס איז מחלוקת? א רצון פון אנדערע מענטשן וועלכע שטייען אויף אויף אים און ווילן אים מבטל זיין פון זיין עבודה, אבער דורך תענית, לאדבקא רעותא דלבא לקודשא בריך הוא, באהעפט ער זיין רצון צום אויבערשטן, איז ער מבטל זיין רצון צום אויבערשטן, וועט מקוים ווערן, 'שיבטל רצון אחרים מפני רצונך'[יא], עס וועט בטל ווערן די מחלוקת.

נו, ס'איז א תענית, א טאג פון תענית, (עס שטייט אין) א זוהר הק', א טאג פון תענית איז לאדבקא רעותא דליבא לקודשא בריך הוא, א מענטש אזוי (אין) א (נארמאלן) טאג, ער עסט ער טרינקט, אזוי, אבער אז ער פאסט און טרינקט נישט - האט ער א רצון צום אויבערשטן. איז א טאג פון תענית דארף מען זעהן מרבה צו זיין בתפילה, מער היטן דעם טאג, מער היטן אויף תורה ותפילה אין א טאג פון א תענית, ווייל עס איז א געוואלדיגער כח - אין דעם טאג, אז מען וויל - דער טאג איז א גרויסער כח, עס זאל זיך מדבק זיין דער רצון פון די הארץ צום אויבערשטן! מיט תורה תפילה!

דער רבי רעדט טאקע ווייטער, עס זענען דא געשטארבענע טעג, טעג וואס מען טוט נישט אין זיי דעם רצון פונעם אויבערשטן, ליידיגע טעג, רופט עס דער רבי אן ימים מתים! געשטארבענע טעג, עס איז גארנישט קיין טעג[יב].

---

[יא] אבות פ"ב מ"ד.

[יב] באו"ד וזה לשונו שם: כִּי מַעֲלַת הַתַּעֲנִית שֶׁמְּעוֹרֵר וּמְחַיֶּה מֵתִים, הַיְנוּ הַיָּמִים שֶׁעָבְרוּ בַּחֹשֶׁךְ, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת, כִּי כָּל יוֹם וָיוֹם נִמְשָׁךְ עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה בְּזֶה הַיּוֹם מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲזַי מְחַיֶּה הַיּוֹם וּמַמְשִׁיךְ לוֹ חִיּוּת וְשֶׁפַע

(חסר)

(כנראה ששואלים על השיחה הנדפסת באבניה ברזל, אות ס"ו, שרבינו ז"ל אמר: 'דער יצר הרע פון אן ערליכן אידן איז א דיבוק'[יג] - א רוח - וואס איז דאס?) **עס טשעפעט זיך צו עפעס א רוח שטות, און עס טשעפעט זיך אזוי צו אז עס דאכט זיך אז איך קען אים גארנישט פטור ווערן!**

(רמ"ב: וואס איז טאקע די עצה? אמאל אין די צייטן פון אר"י הק' יענע צייט פלעגט מען מאכן מיט שמות) **דא אויך מיט שמות תורה ותפילה איז שמות הק'** (לא ברור בטייפ).

# דעת רבינו אודות שוחטים ומלמדים

(מדברים על שיחה ס"ה, שר' שמעון, התלמיד הראשון של רבינו, רצה ללמוד את עצמו שחיטה וכו'),

**דער רבי האט געזאגט: "איך וואלט געוואלט אז מיינע לייט זאלן נישט זיין קיין שוחטים, נאר וואו** (עס איז פאראן) **א שוחט, זאל ער כאטש זיין פון מיינע לייט"!**

**דער רבי האט דאך נישט געהאלטן פון קיין מלמד,[יד] רבי נתן האט געזאגט: "ווי איידער א סוחר אן התבודדות, איז בעסער א מלמד". דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין מלמד, נאר ווי איידער זיין א סוחר אן התבודדות, א סוחר מיט התבודדות קען ער זיין א גרויסער ערליכער איד, אבער אן התבודדות קען ער אזוי פארוואנדלען זיך, איז בעסער א מלמד.**

---

רַב מִלְמַעְלָה, אַךְ אִם, חַס וְשָׁלוֹם, אִם אֵינוֹ עוֹשֶׂה בּוֹ מִצְווֹת, אֲזַי אֵינוֹ יוֹרֵד עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה כִּי אִם בְּצִמְצוּם גָּדוֹל מְאֹד רַק כְּדֵי חִיּוּתוֹ בְּצִמְצוּם, וּכְשֶׁהוּא נוֹטֵל זֶה הַיּוֹם וְעוֹשֶׂה בּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, רַע, אֲזַי מוֹרִיד וּמֵינִיק וּמוֹצִיץ הַשֶּׁפַע הַמְּעַט שֶׁיֵּשׁ בְּזֶה הַיּוֹם, עַד שֶׁמּוֹצֵץ גַּם עֶצֶם הַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ לְהַיּוֹם בְּעַצְמוֹ, מִלְּבַד הַשֶּׁפַע הַבָּא מִלְמַעְלָה דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ, כִּי כָּל יוֹם הוּא בְּרִיאָה, וְיֵשׁ לוֹ חִיּוּת עַצְמוֹ מִלְּבַד הַשֶּׁפַע, וְהוּא מוֹצֵץ גַּם חִיּוּתוֹ הָעַצְמִי שֶׁל הַיּוֹם, עַד שֶׁנִּשְׁאֲרוּ הַיָּמִים הַלָּלוּ פְּגָרִים מֵתִים, כְּמוֹ מְשַׁל הַתִּינוֹק הַיּוֹנֵק מִשְּׁדֵי אִמּוֹ, כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ לָהּ חָלָב יוֹנֵק הֶחָלָב, וּכְשֶׁנִּפְסַק הֶחָלָב מוֹצֵץ דָּמָהּ וְחִיּוּתָהּ מַמָּשׁ, אַךְ עַל יְדֵי הַתַּעֲנִית הוּא מְעוֹרֵר וּמְחַיֶּה הַיָּמִים הַלָּלוּ, וְהַכֹּל לְפִי הַתַּעֲנִית.

[יג] עי' ליקוטי תפילות חלק א' תפילה צ"ב אות תתקנד וז"ל: וּתְבַטֵּל אֶת כָּל מִינֵי יְצָרִים רָעִים מִמֶּנִּי וּמִכָּל יִשְׂרָאֵל וכו' הֵן הַיִּצְרִין רָעִים שֶׁל הַכְּשֵׁרִים בְּיוֹתֵר שֶׁהוּא בְּחִינַת אֵיזֶה "דִּבּוּק" רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הֵן הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁל הַצַּדִּיקִים שֶׁהוּא מַלְאָךְ הַקָּדוֹשׁ מַמָּשׁ וכו' עיי"ש.

[יד] עי' בחיי מוהר"ן תקצ"א, וז"ל: אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ אִם לִהְיוֹת מְלַמֵּד, הֵשִׁיב לוֹ לֹא (כִּי אָמַר הוּא זַ"ל שֶׁשְּׁלֹשָׁה דְּבָרִים אֵינָם חֲשׁוּבִים בְּעֵינָיו שׁוֹחֵט וּמְלַמֵּד וְחָסִיד בְּעִיר קְטַנָּה מֵחֲמַת שֶׁבְּנָקֵל לוֹ לְהִכָּשֵׁל בְּגֵאוּת חַס וְשָׁלוֹם), עכ"ל. גם עי' בשיחות הר"ן אות ר"מ, אודות רצונו שאנשיו לא יהיו מלמדים.

(רמ"ב: וואס מיינט ר' נתן אלץ אין די תפילות מען זאל גלויבן אין אלע צדיקי אמת שבדורנו[טו], מען זאל נישט מהרהר זיין נאך זיי, און זיי משמש זיין, וואס מיינט מען דאס? צדיקי אמת שבדורנו מיינט מען אונזערע לייט - מסתמא) **דער תירוץ איז - איך דארף נישט וויסן ווער אויך, עס איז דא צדיקים אמתיים אין דור, און איך בין זיך מקשר צו זיי, ווער זיי זענען וויים איך נישט.**

**ר' נתן האט געזאגט, 'אשרי האיש [טז] - "וואויל איז א ערליכער איד, ווער ער איז וויים איך נישט, טאמער נחמן ביסטו עס, בין איך דיר מקנא", דאס איז א לשון.**

**אינעם דור זענען דא צדיקים אמיתיים, עס שטייט אזוי איז זוהר הק'[יז], ל"ו אין חוץ לארץ - ל"ו אין ארץ ישראל, עס זענען דא צדיקים אמיתיים שבדור און איך בין זיך צו זיי מקשר. ווער זיי זענען וויים איך נישט.[יח] די תורה ותפילה האט מער שלימות ווען עס איז בהתקשרות צו צדיקים[יט]** (רמ"ב: איך זאל זיי משמש זיין[כ], מגין זיין אויף זייער כבוד[כא], אלץ אזעלכע תפילות, ווייזט אוים אז מען דארף יא וויסן!?) **אוודאי דארף מען, און אז מען ווייסט נישט??!**

(אחד שואל על הלשון שאמר רבינו:) **"איך וואלט געוואלט - מיינע לייט זאלן נישט זיין קיין שוחטים, נאר וואו א שוחט זאל ער באטש זיין פון מיינע לייט".**

**עס איז געווען ר' מאטל שוחט, איך האב אים געקענט, פון ברסלב** (רמ"ב: ער איז געווען א געבוירענער ברסלב'ער?) **יא, נאר** (רמ"ב: ווי האט ער זיך גענומען צום שחיטה?) **זיין טאטע**

---

[טו] עי' בלקו"ת ח': "וּתְזַכֵּנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לְהַאֲמִין וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ אֲשֶׁר בָּהֶם בָּחַרְתָּ", וכעי"ז בעוד כמה מקומות.

[טז] תהלים א, א.

[יז] תיקוני זוהר תיקון כ"א.

[יח] וזל"ק של מוהרנ"ת בלקו"ת ח"ב, מ"ב: וְעַל יְדֵי זֶה תְּבַטֵּל מֵאִתָּנוּ שְׂאוֹר וְחָמֵץ שֶׁל יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע שֶׁנִּשְׁאָר לָנוּ מִנְּעוּרֵנוּ, אֲשֶׁר זֶה הַשְּׂאוֹר וְהֶחָמֵץ שֶׁבַּלֵּב, הוּא הַמֵּסִית אֶת הָאָדָם לְהַרְהֵר אַחַר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבַּדּוֹר וְלוֹמַר זֶה נָאֶה וְזֶה לֹא נָאֶה, עַל־יְדֵי זֶה חָלַק לִבֵּנוּ, וְנֶעֶלְמוּ מֵאִתָּנוּ הַשִּׁבְעִים וּשְׁנַיִם צַדִּיקִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וְאֵין אָנוּ יוֹדְעִים בְּבֵרוּר אֶחָד מֵהֶם. רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַנְךָ וְתָסִיר וּתְבַעֵר וּתְבַטֵּל מֵאִתָּנוּ הַשְּׂאוֹר וְהֶחָמֵץ שֶׁבַּלֵּב, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְהַאֲמִין בְּכָל הַצַּדִּיקִים וְלִבְלִי לְהַרְהֵר אַחֲרֵיהֶם כְּלָל, וְלֹא לַעֲשׂוֹת שׁוּם חִלּוּק בֵּינֵיהֶם כְּלָל, רַק כֻּלָּם יִהְיוּ נָאִים וַאֲהוּבִים וִיקָרִים בְּעֵינֵינוּ מְאֹד מְאֹד.

[יט] עי' ליקו"מ סי' ב.

[כ] ליקוטי תפילות ח"א תפילה כ"ב אות שס"ו.

[כא] שם תפילה כ"ח אות תכ"ו.

איז אויך געווען א שוחט, ר' משה שוחט, ער האט געזאגט חצות און געהאט התבודדות, און דערנאך צוגעגרייט דעם חלף, באקוקט דעם חלף, עס איז געווען ביי אונז שוחטים גרויסע ערליכע אידן.

און ר' אבא שוחט איז געווען ביים רבי'ן, ר' אבא'לעס (תלמיד מוהרנ"ת) זיידע זיין טאטנ'ס טאטע, דו ווייסט דאך די מעשה פון ראש השנה פון ר' אבא שוחט, אז דער רבי איז געווען אין ברסלב, מיט ר' שמואל דעם זוהן, מיט'ן בעכער, דער רבי האט געזאגט: "דו אבא אין דעם עולם איז שוין נישט כדאי - דו שמואל נאדיר אביסל יויך". ר' שמואל איז געווארן א גרויסער עושר, און ר' אבא איז נפטר געווארן. (השואל: וויפיל האט ער געצאלט פאר דעם וואגן?) דרייצן רובל.

# רייך געווארן דורך די ברכה פון רבי'ן

(מדברים אודות פרטי המעשה הנדפס באבניה ברזל אות ע"ו).

ער איז געקומען צום רבי'ן האט מען שוין געדאוונט מנחה, האט ער שוין דעם רבי'ן נישט געזעהן פאר מנחה. ביינאכט ביי דער סעודה האט דער רבי א זאג געגעבן צו ר' אבא'לען: "אבא, דערצייל מיר דיין נסיעה". האט ער אנגעהויבן זייער צו ציטערן, ער האט דערשראקן זיך. "אבא, שרעק זיך נישט, דערצייל מיר דיין נסיעה", אזוי האט אים דער רבי געזאגט. האט ער אים דערציילט די נסיעה אינגאנצן, און ער האט אויסגעלאזט אז ער האט אוועקגעגעבן דעם בעכער, ווייל ער האט נישט געהאט צו צאלן - האט ער אוועקגעגעבן דעם בעכער אויך.

ער האט געקויפט דעם רבי'ן א בעכער א מתנה, האט ער אוועקגעגעבן דעם בעכער, האט זיך אנגערופן דער רבי: "דורך מיין בעכער וועל איך ארויסנעמען דעם סמ"ך מ"ם, די ציין מיט די אויגן!".

(השואל: א בעכער פון זילבער צו פון גאלד? - דא אין אבני"ה ברז"ל שטייט א גאלדענע בעכער) דאס איז אויך א גרייז.

און דער רבי האט נישט געזאגט, מיט וואס וועל איך דיר אפדאנקען;

דער רבי האט א זאג געגעבן: "נו, דו אבא, אויף דער וועלט איז שוין נישט כדאי - און דו שמואל, נאדיר אביסל יויך". "אויף דער וועלט איז שוין נישט כדאי" דאס מיינט, וואס? איך וועל דיר גיבן אביסל? (כאומר:) דו דארפסט דאך שוין באלד נסתלק ווערן.

ר' שמואל איז געווארן א גרויסער מיליאנער, און ר' אבא איז נפטר געווארן באלד.

ער איז אהיים געקומען, ער איז נפטר געווארן באלד - צו נאך סוכות, צו ווען? צו אינמיטן ווינטער! דאס הייסט אלץ באלד!

דאס איבערשרייבן א זאך דארף מען אויך האבן זייער (א זהירות) אז מען וויל איבערשרייבן. פארוואס האט ר' נתן אויפגעשריבן די סיפורי מעשיות? עס איז נישט מיט אזא גרויסן דקדוק, ר' נתן האט נישט געוואלט משנה זיין דעם לשון פונעם רבי'ן, אזוי ווי דער רבי האט גערעדט, אזוי האט ער געמאכט דעם לשון הקודש, עס זאל אויסקומען ממש אזוי ווי דער רבי רעדט.

דער איבערזעצער, איבערזעצן א סיפור וואס מען דערציילט דארף מען אויך קענען איבערזעצן גוט!

דער איבערזעצער, ער האט געהערט אויף זשארגאן (אידיש) און זעצט עס איבער, (אויף לשון קודש) זעצט ער עס איבער נישט ריכטיג.

(רמ"ב: ער האט נישט אויסגעפירט אז ער האט געזאגט צו די פערד, קינדערלעך צום רבי'ן?) דאס איז געווען אלץ אין די נסיעה (רמ"ב: ער האט אלץ דערציילט די פרטים פון די נסיעה?) ווייס איך נישט.

## אויף ראש השנה מיט קפיצת הדרך

זונטאג איז געווען ערב ר"ה, און ר' אבא האט שבת געהאלטן אין אומאן, און עס איז נאך דא פון אומאן קיין ברסלב הונדערט קילאמעטער, געקומען איז ער פון טשעהרין, און איז געקומען שבת [קיין אומאן] און ער האט נאך צו פארן, און ער גייט ארוים מוצאי שבת גייט א רעגן א מבול, וואס זאל ער טאן?! אפילו ווען דער וועג איז גוט, איז אויך שווער צו קומען הונדערט קילאמעטער, אבער ווען דער וועג איז אזוי צעבראכן, איז ער ארויסגעגאנגען אינדרויסן, שטייען דארטן די בעלי עגלות, ער הייבט אן דערציילן אז ער וויל פארן קיין ברסלב צום רבי'ן... לאכן זיי אים אויס, 'אין דעם וועג?!' איינער רופט זיך אן: 'איר וועט מיר געבן דרייצן רובל – וועל איך אייך נעמען צום רבי'ן!' זאגט ער: 'יא איך גיב!' האט ער שוין (די בעל עגלה) געהאט חרטה, זאגן די

בעלי עגלות: 'האסט געזאגט זאלסטו האלטןווארט! מיר האבן נישט געוואלט זאגן, דו האסט געזאגט האלט ווארט', האבן זיי אים מכריח געווען, איז ער ארויסגעפארן.

[(השואל: דרייצן רובל איז אסאך?) אוודאי, יענע יארן, דו ווייסט וואס הייסט? אמאל פון א רובל האט מען געקענט לעבן א חודש, 'דרייצן רובל' - איז דרייצן טויזנט פונט;[כב] איז ווינציג צו זאגן] איז ער געפארן א גאנצע נאכט, איז ער אנגעקומען אינדערפרי קיין טעפליק, (נאכ'ן פארן) א גאנצע נאכט, און דעמאלט איז שוין די נאכט גרעסער ווי דער טאג. (ער איז) אנגעקומען קיין טעפליק אינדערפרי און דער בעל עגלה איילט זיך נישט, ער מוז אפרוהען די פערד, ער מוז געבן עסן די פערד, און ער זעהט אז עס איז שלעכט, ער איז א דריטל וועג אפגעפארן, און שוין נאך א גאנצע נאכט, הכלל דער בעל עגלה האט אנגעהויבן פארן און מען איז אנגעקומען קיין הייסין. איז שוין נאך נענטער, פון הייסין איז נאך דא עטליכע און דרייסיג קילאמעטער, מעו איז אין הייסין און עס איז שוין צוויי אזייגער, צוויי אזייגער ביטאג - און פינף אזייגער איז שוין יום טוב. ווי קען דאס זיין אז דעם דריטל זאל ער אפפארן (ביז יו"ט?! רמ"ב: א גאנצע נאכט איז ער געפארן א דריטל וועג?) יא, בלאטע, דער וואגן דרייט זיך נישט, די פערד גייען לאנגזאם, אין א בלאטע קענען די פערד גארנישט גיין, (ווען ער איז) געקומען אין הייסין און ר' אבא איז געזעצן אזוי פארצארנט. די בעלי עגלות דארטן - זיי רעדן דאך צו די פערד, 'נו - קינדערלעך צום רבי'ן!' האט ער געזאגט צו די פערד: 'קינדערלעך צום רבי'ן!' האבן זיי אנגעהויבן צו לויפן.

האבן זיי אנגעהויבן צו פליהען די פערד חוץ מדרך הטבע, געפליגן אזוי אז עס איז נישטא אזעלכע כוחות אין קיין פערד, דער בעל עגלה האט געזאגט צו די פערד, (רמ"ב: א איד מסתמא!?) יא, אוודאי א איד, 'קינדערלעך צום רבי'ן!' נו נו האבן זיי אנגעהויבן צו פליהען! ר' אבא איז געווען א איד א הייליגער מענטש! זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן, האט מען שוין געדאווענט מנחה, ער האט זיך שוין נישט געקענט זעהן מיט'ן רבי'ן (ערב ר"ה), און ביינאכט ביי דער סעודה האט דער רבי אים געזאגט: אבא, דערצייל מיר דיין נסיעה וואס דו האסט געהאט! איז ער געווארן זייער דערשראקן ווייל - בכלל דער פחד ביים רבי'ן די ערשטע נאכט ראש השנה איז געווען

[כב] ארץ ישראל'דיגע געלט איידער עס איז געווען שקלים.

געוואלדיג, אזא מין פחד איז געווען עס איז געווען געוואלדיג, דער רבי האט גארנישט גערעדט[כג], און דער רבי זאגט, 'דערציייל מיר דיין נסיעה.' האט ער זיך דערשראקן. זאגט דער רבי, 'שרעק זיך נישט, דערציייל' האט ער אלצדינג דערציילט, און ער האט אויסגעלאזט: 'איך האב געפירט א בעכער צום רבי'ן, האב איך אים אויך אוועקגעגעבן פאר די דרייצן רובל'. שוין, האט זיך אנגערופן דער רבי: 'פאר מיין בעכער וועל איך אים ארויסנעמען דעם סמ"ך מ"ם די ציין מיט די אויגן!'.

'דו אבא, אין דער וועלט איז שוין נישט כדאי, און דו שמואל, נאדיר אביסל יויך'.

דער ר' אבא איז געווען אזא ארימאן, א שוחט, אז ער האט נישט געהאט איבערצובייטן אויף שבת קיין אנדערן מלבוש, ער איז געגאנגען פרייטאג אין מקוה אריין, האט ער איבערגעקערט דאס מלבוש אויף דער לינקער זייט, און געגאנגען אין מקוה אריין, און נאכ'ן מקוה האט ער איבערגעקערט צוריק אויף דער רעכטער זייט, לכבוד שבת!

אזא ארימאן איז ער געווען, ער האט נישט געהאט איבערצובייטן קיין מלבוש, ר' אברהם האט עס דערציילט! ער איז געווען דעם רבי'נס א מענטש, ער איז געוועזן!

אה, עס איז געווען א רבי מיט חסידים, נו.

# א פריערדיגן רבי'ן - פריערדיגע חסידים

זיי זאגן נאך א ווערטל פונעם גערער, דער גערער האט געזאגט צו זיי, "צו די חסידים, 'איר ווילט א רבי'ן פון פריער, און איר וועט זיין איצטיגע חסידים?!" א ווערטל פונעם גערער, פון דער היינטיגער (הבית ישראל מגור זצ"ל). איר ווילט זיין איצטיגע חסידים און האבן א רבי'ן פון פריער?! איר זענט איצטיגע חסידים, האט איר א רבי'ן פון איצטער אויך!

מיר האבן א רבי'ן פון פריער, דארפן מיר אויך זיין (ווי) חסידים פון פריער, מיר דארפן זיין חסידים פון פריער! מיר האבן א פריערדיגן רבי'ן, נישט קיין איצטיגן רבי'ן!

[כג] עי' בשיחות הר"ן אות כ"א.

# שריי טויזנט מאל "רבוש"ע ראטעווע מיך!"

(שואלים על מה שמובא באבניה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות א', שמוהרנ"ת אמר לאחד שקבל לפניו שאין לו דיבורים בשעת התבודדות, "וכי אינך יכול לומר, 'רבונו של עולם ראטעווע מיך'?! זאגט מען טויזנט מאל"!)

משה שמואל[כד] האט אמאל אויסגערעכענט, ער איז דאך געווען (א חידוש), טויזנט מאל, רבוש"ע [- ראטעווע מיך!] האט געדויערט פונקט א שעה! ער האט אויסגערעכענט, ער האט געקוקט אויפ'ן זייגער און געזאגט טויזנט מאל רבוש"ע, איז געווען פונקט א שעה! ער האט געהאט א חן משה שמואל! א דבר ידוע משה שמואל! ער איז געווען אין מיינע צייטן.

דאס הייסט, האסט נישט קיין דיבורים? זאג טויזנט מאל רבונו של עולם[כה]! 'רבונו של עולם ראטעווע מיך! רבונו של עולם ראטעווע מיך'!

ר' נתן האט אים דאך געזאגט, דו האסט נישט קיין דיבורים צו רעדן? זאג "רבונו של עולם ראטעווע מיך!", שוין, דאס קענסטו דאך, ממילא קומען אים אריין אנדערע דיבורים אויך שוין!

א מענטש האט נישט קיין תירוץ אז ער האט נישט קיין דיבורים, ער מעג איבער'חזר'ן די דיבורים אליין אסאך מאל.

(שואלים על הסיפא של השיחה הנ"ל שרבי עוזר ענה ואמר: - 'עוזר' יכול לומר אלף פעמים רבוש"ע)

ר' נתן האט יענעם אנגעשריגן: דו קענסט נישט זאגן רבונו של עולם טויזנט מאל?! און מיט ר' עוזר דאס איז א אנדערע זאך:

---

[כד] 'משה שמואל' לעווין ז"ל, מגדולי העובדים באומאן, ממקורביו של ראבר"נ ז"ל.

[כה] עי' בחי"מ או' ת"מ: אמר אפילו כשאין יכולין לדבר בהתבודדות רק תיבת "רבונו של עולם" גם כן טוב מאד. גם עי' בליקו"מ תנינא צ"ו, וז"ל שם: עוֹד אָמַר (רבינו ז"ל) לְעִנְיַן הִתְבּוֹדְדוּת, שֶׁהָיָה דַּרְכּוֹ זַ"ל לְזָרֵז מְאֹד בָּזֶה לִהְיוֹת רָגִיל מְאֹד בְּהִתְבּוֹדְדוּת לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל אֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד! וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר רַק דִּבּוּר אֶחָד יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ, וִידַבֵּר אוֹתוֹ הַדִּבּוּר כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ וַאֲפִלּוּ אִם יְבַלֶּה כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים בְּדִבּוּר זֶה לְבַד גַּם זֶה טוֹב וְיִהְיֶה חָזָק וְאַמִּיץ וְיַרְבֶּה לְדַבֵּר אוֹתוֹ הַדִּבּוּר פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר עַד שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְיִפְתַּח פִּיו, וְיוּכַל לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ.

(עס איז געווען) איינער וואס מען האט געלויבט אים, אז ער קען לערנען טויזנט בלאט אויסנווייניג, האט זיך אנגערופן ר' עוזר: "איך קען זאגן טויזנט מאל רבוש"ע אויסעווייניג!" ר' עוזר איז א געוואלדיגער למדן געווען, ער האט געקענט גמרא אויך, אבער יענער האט זיך בארימט מיט'ן בלאט גמרא, זאגט ער, איך קען זאגן טויזנט מאל רבונו של עולם אויסנווייניג!'

פארשטייט מען דאך, אז איינער בארימט זיך מיט טויזנט בלאט גמרא, איז עס דאך נישט אזא שיינע זאך, דו דארפסט זיך בארימען? אז דו קענסט, קענסטו, יענער דארף וויסן אז דו קענסט?!

די טייערסטע זאך, די חשוב'סטע זאך איז די צייט, דאס איז די טייערסטע זאך אין דעם עולם! דער גרעסטער פארמעגן איז די צייט.

די גמרא זאגט דארטן[כו] קעגן (דעם ענין) א קרקע כל שהוא, וואס קען מען האבן אויף דער קרקע כל שהוא? זאגט די גמרא דארטן, מען קען נעמען א מחט זהב און אוועקלייגן אויף דער קרקע כל שהוא!

איז דא אויך דאס אייגענע, אין דער מינוט, אין דער רגע קען איך דאך אוועקלייגן א 'מחט זהב': "רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות" - דאס איז דאך א מחט זהב! דאס איז דאך א גאלדענע נאדל דאס! וואס מען קען אוועקלייגן די רגע, און דאס לאזט מען אפ! דאס לאזט מען אפ!

און וויסן ווי עס איז חשוב (ווען מען שרייט) 'רבוש"ע האב אויף מיר רחמנות!' דאס קען מען נישט אין דעם עולם זעהן, מען דארף נאר האבן אמונה, גלויבן! גלויבן די צדיקים וואס האבן אזוי געזאגט, און דארט וועט מען וויסן וואס דאס הייסט, רבונו של עולם - האב אויף מיר רחמנות!

ביים אויבערשטן איז זייער חשוב ווען א איד בעט אים, האב אויף מיר רחמנות! האב אויף מיר רחמנות!

---

[כו] קידושין כ"ו ע"ב.

אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן און זאגן: רבוש"ע האב אויף מיר רחמנות! דאס איז אזא מין פארמעג וואס עס איז געוואלדיג! און דעם פארמעגן קענען מיר ארויסכאפן אסאך מאל! מען קען ארויסכאפן אסאך מאל דעם פארמעג.

פאר יעדן איינעם - ווער שמועסט נאך א יונגערמאן נאך דער חתונה עס גייט אביסל איבער דארטן אביסל ארעמקייט, אזוי עס מאכט זיך אמאל, אבער אז ער האט אינזינען די זאך, אז דאס פארמעגן לאזט ער נישט אפ, איז דאך אים גוט, איז אים וואויל און פיין.

## די ארעמקייט וואס האט געהערשט אין אוקריינע

אין אוקריינא זענען געווען גרויסע ארעמעלייט, דאס וואס א ישיבה מאן האט דא, האט א שיינער בעל הבית דארטן נישט געהאט. איך בין געווען ביי בעלי בתים סוחרים, מען האט געלעבט אין א צימערל, א קליין צימערל, איך האב געגעסן אמאל ביי איינעם שבת האט ער געהאט א שטיקל פיש, איך ווייס? א ברעקעלע - ער האט אליין אויך נישט געהאט וואס צו עסן, א בעל הבית!

דא ברוך השם אפילו א ישיבה מאן האט א שיינע דירה פון דריי צימערן און שיינע בעטן, מיט די מאטראצן מיט שפראנדזשינעם (קפיצים)[כז], הכלל א גאנצער געשעפט, און אפילו אן ארימאן האט דאך אויך, ער קויפט נאך פיש פלייש און קאמפאט, א גוטע פלאש וויין, און חלה ווייסע - קען מען נאך אוודאי ארויסכאפן און זאגן, רבונו של עולם! האב אויף מיר רחמנות!

ער האט עס געזעהן - איך געדענק עס אזוי, הערש לייב[כח] איז געקומען קיין ארץ ישראל, ער איז געקומען תרצ"ד, האט ער געשריבן פון דארטן (מארץ ישראל) א בריוו, אז אויף שבת קויפט ער א פלאש וויין, און נעמט ווייסע חלה, פיש, קאמפאט, און וואס עס בלייבט איבער זונטאג, וואלסטו געקענט האבן אויף שבת, אזוי האט ער געשריבן צו מיר!

---

[כז] מיט ספרינג"ס.

[כח] ר' הערש לייב ליפל ז"ל - גיסו של ר' לוי יצחק.

צו מיר האט ער געשריבן דעם בריוו – וואס מיר בלייבט איבער זונטאג, קענסטו האבן אויף שבת!

און עס איז אזוי, "וואס עס בלייבט איבער זונטאג, האט מען דארטן נישט אויף שבת!"

עס בלייבט איבער זונטאג א שטיקל פיש, א שטיקל חלה, א גלאז וויין, וואס עס בלייבט איבער זונטאג האב איך דארטן נישט אויף שבת! געדענק איך ווי ער האט מיר געשריבן דעם בריוו, הערש לייב! ער האט דאך געוואוסט.

דארטן – וואו הערש לייב האט געוואוינט, דער צימער איז געווען אזוי גרויס ווי דער צימער, נישט מער, (און דארט) האבן געוואוינט פיר פאמיליעס, 'ברוך'[כט] האט געמאכט א וואנט אינדערמיט און אהער, א וואנט געמאכט פאר פיר פאמיליעס, האט הערש לייב געוואוינט אין איין צימער אזעלכן, און משה טשענסטכאווער ע"ה[ל] אין איין צימער, און נאך דארטן צוויי פאמיליעס האבן געוואוינט דארטן. (אזא ענגשאפט איז געווען) אז ווען ביי משה טשענסטכאווער איז געבוירן געווארן אהרן, אהרן גלידמאן, האט מען געמאכט דעם ברית, עס האט געברענט ליכט, האט זיך אנגעכאפט דאס קישעלע, און דאס קינד איז שיער נישט פארברענט געווארן. אזוי פיל פלאץ איז געווען, אזוי גרויס איז געווען פון די ליכט ביז'ן קינד, אז מען האט זיך נישט געקענט רירן. דאס קינד איז געלעגן אויפ'ן טיש, האט זיך אנגעכאפט דאס קישעלע, א נס אז מען האט ארויסגעכאפט דאס קינד. אזעלכע וואוינונגען איז געווען דארט.

(רמ"ב: לייבל האט געוואוינט דארטן?) לייבל צעטנער אויך, יא. דאכט זיך מיר אז ברוך אליין האט אויך דארטן (געוואוינט).

אין טעפליק וואו איך האב געוואוינט איז שוין געווען ברווח.

איז וואס רעדן מיר דא? אז ברוך השם איצטער טא, כאטש וואס א יונגערמאן נאך א חתונה וואס עס איז נישט אזוי ברווח, אבער קען מען עס דען אויסמאלן קעגן דעם

[כט] חתן רבי געצע.

[ל] היה גיסו של רלוי"צ, חתנו של רבי אהרן מקיבליטש.

דחקות וואס עס איז געווען אין אומאן?! עס איז גאר קיין ערך נישט, אונזערע סוחרים האבן נישט געוואוינט אין אומאן אזוי ווי דא א פראסטער ישיבה מאן, וואס, ווען?

## החנות פתוחה והחנוני מקיף והגבאים מחזירים תדיר

איך האב געגעסן אמאל שבת ביי מאטל פאלסקע,[לא] ער איז געווען א סוחר. ער איז געווען אין א שניט קראם (חנות בדים), איי עס איז נישט געווען וואס צו עסן, צוגעגרייט א שטיקעלע חלה, א שטיקל, ער האט אליין נישט געהאט וואס צו עסן.

ברוך השם מען געפינט זיך אין ארץ הקדושה, אין די הייליגע לאנד ברוך השם, און מען ווערט אנגערופן אויפן רבי'נס נאמען, און ברוך השם מען מאכט שבת! מען עסט ברוך השם אלע טאג, היינט דארף מען נישט עסן, עס איז א תענית היינט[לב], היינט דארף מען פאסטן, אבער אלע טאג מסתמא עסט מען, היינט וועט מען נישט נעמען קיין וואסער צו טרינקען, עס איז א תענית, אבער אלע טאג מען נעמט א גלאז וואסער, מען מאכט א ברכה, מען טרינקט, מען עסט, נו גיט דאך דער אויבערשטער פארט, ער גיט דיר די שפע, פארוואס זאל מען נישט אים אויך עפעס געבן?!

איך גיב דיר אזוי פיל, החנות פתוחה, די קלייט איז אפן, והחנוני מקיף, דער קרעמער בארגט! און דער פנקס פתוח, און דער בוך איז אפן, והיד כותבת די האנט פארשרייבט, וכל הרוצה ללוות זאל קומען בארגן, והגבאים מחזירים תדיר בכל יום[לג], די גבאים לויפן נאך, מען זאל אים באצאלן.

"איך גיב דיר דאך אלעס - גיב מיר אויך עפעס! באצאל מיר עפעס!" איך גיב דיר דאך אלעס, ברוך השם, גיב מיר אויך עפעס!

איצטער איז געווארן ממש, עס איז געווארן די מותרות פאר א חתונה, מיט די לוקסוסן, ממש א געוואלד, עס איז דאך א גזירה, אבער אזוי ברוך השם, עס איז דאך אזוי ברוך השם דא, ווער פאסט דא? נאר די ארבע תעניתים פאסט מען! פאסט מען דען?! א חוץ די ארבע תעניתים פאסט מען דא? מען פאסט נישט! מען בייסט איבער,

[לא] מאנ"ש באומן הדבוקים בהרה"ח ר' שמשון בארסקי ז"ל. נתקרב בשנת תרנ"ט בבארדיטשוב ע"י ר' שמואל העשיל פרידמן ז"ל.

[לב] כאמור היה אז יום שבעה עשר בתמוז.

[לג] אבות פ"ג מט"ז.

טאמאטעס, אביסל טיי, מילך, שוין, אן איבערבייס, שוין, מען קען שוין טוהן אין אידישקייט, מען קען שוין טאן עפעס.

מחזירין תדיר, די גבאים לויפן נאך, גיב מיר אפ! איך בארג דאך דיר – צאל אפ עפעס! פארוואס דרייסטו דיך ארום און רעדסט? צאל אפ דעם אויבערשטן, צאל אים אפ! און וואס וויל ער? דאוון לערן, צאל מיר אפ!

## דער רבי האט נישט געהייסן שלאגן

(שואלים על השיחה נדפס באבניה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ד' - שמוהרנ"ת היה רגיל לקחת אורח שנשאר בבית המדרש וכו'[לד] און ווידער א קינד שלאגט מען?!)

**יא יא,**[לה] (רמ"ב: עס זענען דא אזעלכע וואס האבן ווילדע קינדער, איז עס שווער צו מקיים זיין) **ניין, נישט אזוי, דער רבי האט נישט געהייסן** (געהייסן נישט) **שלאגן קיין קינד, קומט דאך אוים ווי אזוי זאל ער האבן א חינוך? אבער אנדערע זאכן דארף מען אבער יא** (רמ"ב: מען זאל רעדן מיט אים?) **רעדן מיט אים! אסאך בעטן דעם אויבערשטן!**

**אבער אז שלאגן שלאגט ער נישט, און אנדערע זאכן טוט ער אויך נישט, איז דער קינד א ווילדער!**

**דער חינוך - ער זוכט עצות אויף חינוך, נישט מיט שלאגן! ער זוכט עצות, נישט מיט שלאגן, אבער אנדערע זאכן דארף ער דאך יא טאן, בעטן דעם אויבערשטן א סך, און געבן א מתנה דעם קינד, און אזוי - אלע מיני עצות וואס מען דארף האבן.**

(רמ"ב: עס איז דא איינער יונגערמאן, ער האט מיר געפרעגט די וואך, אז ער האט א טאכטער מיט א זון. דער זון איז יינגער, א קליינער פון דריי-פיר יאר, און דער זון שלאגט די עלטערע טאכטער, מכה ממש באכזריות, ווייס ער נישט וואס צו טאן, אז דער רבי זאגט, נישט שלאגן. ער זאגט, אז נאר אז ער כאפט פעטש פארשטייט ער, אז נישט – פארשטייט ער נישט, ער רעדט מיט אים, עס גייט אים נישט אריין אין

---

[לד] וז"ל שם, מוהרנ"ת היה רגיל ליקח אורח הנשאר בבית המדרש אשר שום אדם לא רצה ליקח אותו (מארחי ופרחי) ולקח אותו הוא, ופעם אחת לקח אורח שפל בבגדים נבזים מהנ"ל, ובנו לא רצה להתקרב אל השלחן לאכול אצלו סעודת שבת מפני כיחה וניעה והוסען שלו, והכה אותו מוהרנ"ת. וכשבא אל רבינו זצוק"ל, ודרכו היה לספר הכל לפני רבינו זצוק"ל, ואז אמר לו רבינו 'איינמאל וויל איך טאקע זאלסט נעמען אן אורח הגון כדי שתוכל לדבר עמו תורה, און ווידער א קינד שלאגט מען?'

[לה] עי' שיח שרפי קודש הנמ"ח ח"ג אות ס"ח.

קאפ, איך האב אים געזאגט, מען דארף מתפלל זיין. דערוויל זאגט ער, ער צערייסט, ער בייסט, ער קניפעט. [דאס זעלבע ביי אן אנדערן איד, ביי אים איז אויך אזוי כל זמן זיי זענען גוט, גיט ער זיך אן עצה, אבער ווען זיי קאמאנדעווען, ווייס ער נישט וואס צו טאן).

**ער איז דאך א שטילער, אבער זי** - (דאס ווייב, שלאגט שוין פאר אים), **איז זי שוין יוצא.**

(רמ"ב: ער וויל זי זאל אויך נישט שלאגן, ער ווייס נישט וואס צו טאן!)

יעדער דיבור פונעם רבי'ן איז א דיבור, נאר וואס דען, דער דיבור איז א דיבור, אבער מען דארף וויסן אז דער דיבור איז מיט נאך תנאים. דער רבי הייסט 'נישט' שלאגן, אבער אנדערע זאכן הייסט ער גוט - גוט מרבה זיין בתפילה.

צו יעדער איינער איז מקיים בעטן בכל יום ויום אויף די קינדער זיי זאלן גיין בדרך התורה? מרבה זיין בתפילה אויף דערויף? טוט ער דאס?! טוט ער דאס?! אז מען האט שוין התבודדות א סך, אבער פאר די קינדער גיט ער אפ א קליינע צייט. (מען דארף) בעטן דעם אויבערשטן פאר די קינדער אלע טאג, און בעטן, האבן דיבורים, דאס (זאל מען) אויך רעדן פאר'ן אויבערשטן, 'דער רבי האט נישט געהייסן שלאגן - די קינדער זענען ווילד, וואס זאל איך טאן?!' אלץ אויסרעדן פאר השי"ת, אזוי ווי מען רעדט זיך אויס כְּדַבֵּר איש אל רעהו, נא טוט מען אזוי?! אז מען זאל אזוי טאן וואלט מען געוועןזעהן א שינוי.

נאך א זאך זאגן דארף מען יא זאגן, שטרענג אויך, שטרענג אויך. איך האב מיינע קינדער נישט געשלאגן, אבער א שטרענגער בין איך געווען, שטרענג! יא, איך בין געווען שטרענג, דאס קינד האט געמוזט שטיין ביי מיר ביים דאווענען נעבן מיר שטרענג, טאמער איז ער נישט געווען, אוי האט ער מורא געהאט, איך האב נאר געזאגט.

אין אומאן זענען געווען גרויסע חזנים, עס פלעגן קומען אלעמאל גרויסע חזנים דאווענען, אין די גרויסע שול. און ער האט ליב געהאט צו הערן א חזן, איז ער אוועקגעלאפן פרייטיג צונאכטס נאך מנחה צום חזן, הערן עפעס נאך, ממילא אז ער איז געקומען אהיים איז שוין געווען שפעטער, האט ער געוואוסט - ער האט מורא געהאט אז ער וועט אריינקומען וועל איך אים גוט אנשרייען, האט ער גענומען די מוטער ע"ה - זי זאל אויף אים ממליץ זיין, זי זאל מגין זיין אויף אים (איך האב אים אפיר

געהאלטן) וואו ביסטו געווען?! וואו ביסטו געווען?! אבער ער האט שוין מורא געהאט, ער האט שוין נאכאמאל נישט געטאן אזוי, אוועקצולויפן פון שול צו הערן דעם חזן.

די וואס האבן געוואלט פאלגן דעם רבי'ן, האבן געפאלגט, און זיי האבן געהאט גוטע קינדער אויך. טאמער האבן זיי אמאל אביסל צוגעווארט, אמאל דארף מען האבן אביסל אריכת אפים אויך, און דאס איז אויך דא אריכת אפים [אין חינוך פון די קינדער].

דאס קינד האט מורא געהאט פאר מיר א געוואלד, איך האב אים גארנישט געשלאגן! זיי האבן מורא געהאט!

(חסר הסוף)

# די תורה פון שבת - אן אנדערע תורה

(לומד בלקוטי מוהר"ן בתורה מ"ט אות ו'[לו] בבית מדרשינו בין מנחה למעריב) און דאס איז דער עיקר עונג שבת, לעתיד וועט זיין יום שכולו שבת, וזה עיקר עונג שבת! די אורייתא דעתיקא סתימאה עס שטייט טאקע אין זוהר הק'[לז] 'אז די נשמה קומט ארויף מוצאי שבת, פרעגט דער אויבערשטער די נשמה וואספארא חידושים האסטו געהערט?! שטייט אין זוהר אז שבת דארף מען לערנען חידושים, דער אויבערשטער פרעגט די נשמה וואספארא חידושים האסטו געהערט שבת, 'דו ביסט געווען ביי דעם מענטשן -

---

[לו] וז"ל: וְזֶהוּ בְּחִינַת (יוֹמָא פ"ו): 'גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד', וְזֶה (שָׁם:): 'גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמְּקָרֶבֶת הַגְּאֻלָּה'. כִּי לֶעָתִיד לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת יִתְגַּלֶּה אוֹרַיְתָא דְּעַתִּיקָא סְתִימָאָה (ו). כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה נ"ח): "אָז תִּתְעַנַּג עַל ה'" עַל ה' דַּיְקָא, הוּא עַתִּיקָא סְתִימָאָה (זהַר וַיְחִי רי"ט עַיֵּן שָׁם), וְזֶה עִקַּר עֹנֶג שַׁבָּת. וְשַׁבָּת זֶה בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ל): "וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ". וְזֶה בְּחִינַת גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, כְּשֶׁמַּעֲלָה תְּשׁוּבָה מִבְּחִינַת אֶת הַמָּאוֹר הַקָּטָן, מִבְּחִינַת 'אָחוֹת לָנוּ קְטַנָּה'. לִבְחִינַת גְּדוֹלָה, לִבְחִינַת (יְשַׁעְיָה ל'): "וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה". שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד, הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי זֶה יַגִּיעַ וְיַשִּׂיג אוֹרַיְתָא דְּעַתִּיקָא סְתִימָאָה. וְזֶה 'כִּסֵּא הַכָּבוֹד', שֶׁמְּכַסִּין אוֹתָהּ. בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ז): "וּכְבָשִׂים לִלְבוּשֶׁךָ", דְּבָרִים שֶׁהֵם כִּבְשׁוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יִהְיוּ תַּחַת לְבוּשְׁךָ (חֲגִיגָה י"ד). שֶׁמְּכַסִּין אוֹתָהּ, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ה): "כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר". וְזֶה 'כִּסֵּא הַכָּבוֹד', שֶׁמְּכַסִּין מִפְּנֵי כְּבוֹד אֱלֹקִים, וְאַתָּה תַּגִּיעַ וְתַשִּׂיג אוֹתָהּ:

וְזֶה בְּחִינַת בְּרֵאשִׁית, בֵּי"ת רֵאשִׁית, הַיְנוּ שְׁנֵי רֵאשִׁית. וְהֵם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְנִיסָן, שֶׁגַּם נִיסָן הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וְאִיתָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן כ"א מ"ה.): 'וְהִיא נִקְרֵאת קַבָּלָה, כַּד אִיהִי בֵּין תְּרֵין דְּרוֹעִין דְּמַלְכָּא'. וּ'תְרֵין דְּרוֹעִין', הֵם תִּשְׁרֵי וְנִיסָן (ז). וְהֵם יְמֵי תְשׁוּבָה, כִּי בָּם הוּא יְמֵי תְּשׁוּבָה. כִּי 'בְּנִיסָן עֲתִידִין לִגָּאֵל' (רֹאשׁ הַשָּׁנָה י"א), וְאֵין הַגְּאֻלָּה אֶלָּא עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה נ"ט): "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל" וְכוּ' (יוֹמָא פ"ו:):

[לז] ח"ג קע"ג ע"ב.

וואספארא חידוש האסטו געהערט פון אים? דער רבי זאגט טאקע דא, אז דער עיקר עונג שבת איז 'אורייתא דעתיקא סתימאה', דאס איז דער עיקר עונג שבת! (השואל: נישט אלעמאל קען מען מחדש זיין?!) אז מען לערנט מיט א התחדשות תורה[לח].

די תורה פון א גאנצע וואך איז נאך נישט דאס שלימות, שבת איז מעין עולם הבא, עס איז אן אנדערע תורה, איז וואס ער לערנט איז אן אנדער לערנען, יעדע זאך (מען טוט), וואס שבת איז דאך אלץ - עס איז אן אנדערער דיבור, אן אנדערע אכילה, ושבת זה בחינת תשובה, כמו שכתוב[לט] 'ושבת עד ה' אלקיך', וְשַׁבְתָּ איז די אותיות שַׁבָּת, וכו'.

# דורך תשובה איז מען זוכה צו די באהאלטענע תורה

וזה - דאס איז וואס עס שטייט אין דער גמרא[מ] גדולה תשובה! מען איז מעלה די תשובה, מען נעמט עס ארויס פון 'מאור הקטן'[מא], פון 'אחות לנו קטנה'[מב] לבחינת גדולה. דער רבי האט פריער געזאגט אז (ווען) די תפילה איז קליין, איז אחות לנו קטנה, מאור הקטן. 'גדולה תשובה' - אז מען איז מעלה די תשובה, מען נעמט עס ארויס פון מאור הקטן, פון אחות לנו קטנה, לבחינת גדולה - והיה אור הלבנה כאור החמה[מג], דער אור הלבנה קעגן חמה הייסט המאור הקטן, לעתיד וועט זיין דער אור הלבנה אזוי ווי דער אור החמה, דער מאור הקטן וועט ווערן ארויסגענומען און זיין אזוי ווי דער אור החמה.- זאגט די גמרא[מד], 'שמגעת עד כסא הכבוד', תשובה איז אזוי גרויס אז עס קומט צו כסא הכבוד, היינו שעל ידי זה יגיע וישיג אורייתא דעתיקא סתימאה,

---

[לח]עי' ליקו"ה נט"י שחרית ה"ד, או' ב', וז"ל: וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לְחַדֵּשׁ בַּתּוֹרָה מַמָּשׁ, צָרִיךְ עַל כָּל פָּנִים לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל יוֹם וָיוֹם לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בְּחֵשֶׁק חָדָשׁ וְחִיּוּת חָדָשׁ וְיִהְיֶה בְּעֵינָיו כַּחֲדָשִׁים מַמָּשׁ, כִּי זֶהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת הַתּוֹרָה, עכ"ל. וכמו"כ מובא זה בליקו"ה גזילה ה"ה, או' ו' עי"ש.

[לט] דברים ל, ב.

[מ] יומא פ"ו ע"א.

[מא] בראשית א, טז.

[מב] שה"ש ח, ח.

[מג] ישעיה ל, כו.

[מד] שם.

וזה כסא הכבוד. כסא איז דער טייטש פארדעקט, שמכסין אותה, בבחינת 'וכבשים ללבושך'[מה], איצטער איז די אורייתא דעתיקא פארדעקט, פארוואס פארדעקט מען עס? כבוד אלקים הסתר דבר[מו]! וזה כסא הכבוד - כסא - פארוואס איז זי פארדעקט? הכבוד - איבער כבוד אלקים, דערפאר איז זי איצטער פארדעקט. ואתה – און אז דו וועסט עס יא משיג זיין.

גדולה תשובה - אז דו וועסט מעלה זיין די תשובה פון בחינת מאור הקטן צו מאור הגדול, די תפילה, גרייכט זי, 'עד כסא הכבוד', צוליב כבודו יתברך איז פארדעקט די תורה, און דעמאלט וועסטו זי יא משיג זיין.

דער רבי טייטשט אז דער מאור הקטן מיינט מען, אז די תפילה איז קליין, אחות לנו קטנה, אבער אז גדולה תשובה, אז מען איז מעלה די תשובה, און עס גייט ארויס פון מאור הקטן צו מאור הגדול, דאס הייסט אז די תפילה איז גרעסער! דאס איז אזוי גרויס אז דו וועסט משיג זיין דעם כסא הכבוד - די תורה וואס עס איז פארדעקט, די אורייתא דעתיקא סתימאה דו וועסט איר יא משיג זיין.

וזה בחינת בראשית, בי"ת ראשית, היינו שני ראשית, ראש השנה און ניסן, צוויי ראשית, ניסן איז אויך ראש השנה. ואיתא בתיקונים[מז], והיא נקראת קבלה, ווען ווערט עס אנגערופן קבלה? כד איהי בין תרין דרועין דמלכא, תרין דרועין איז תשרי און ניסן; ווען ווערט זי אנגערופן קבלה? קבלה איז אורייתא דעתיקאה סתימאה.

איך האב געהערט א טייטש אמאל, 'נקראת קבלה', קבלה ווערט געליינט! (לא ברור, כנראה שאומר שלא כ"א יכול ללמוד ולהבין אותה, רק לקרוא אותה באמירה בעלמא[מח]).

---

[מה] משלי כז, כו.

[מו] שם כה, ב.

[מז] תיקון כ"א.

[מח] עיין חיי מוהר"ן סימן תקכ"ו, וז"ל: אִישׁ אֶחָד עָמַד לְפָנָיו שֶׁהָיָה עוֹסֵק לִלְמֹד בְּסִפְרֵי קַבָּלָה, וּבֶאֱמֶת לֹא הָיָה רָאוּי לִלְמֹד קַבָּלָה. וְהוֹכִיחַ אוֹתוֹ שֶׁלֹּא יִלְמֹד קַבָּלָה. וְאָמַר לוֹ: "קַבָּלָה" בְּגִימַטְרִיָּא "נוֹאֵף". וְשׁוּב שָׁמַעְתִּי מֵאֶחָד, שֶׁהָיָה מְדַבֵּר עִם אִישׁ אֶחָד, וְהָיָה אוֹתוֹ הָאִישׁ קוֹבֵל לְפָנָיו שֶׁאֵין לוֹ לֵב, הַיְנוּ שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב לִתְפִלָּה וַעֲבוֹדָה. הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁזֶּהוּ בִּשְׁבִיל שֶׁלּוֹמֵד קַבָּלָה, כִּי: "נֹאֵף אִשָּׁה חֲסַר לֵב" (משלי ו'), וְ"קַבָּלָה" בְּגִימַטְרִיָּא "נוֹאֵף". וְכָל זֶה לְמִי שֶׁאֵין רָאוּי לָזֶה, אֲבָל לְכַמָּה אֲנָשִׁים הִזְהִיר בְּעַצְמוֹ שֶׁיִּלְמְדוּ קַבָּלָה. וּצְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכוֹ בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת, אִם לִלְמֹד קַבָּלָה וְאִם לַחְדֹּל:

זאגט דער רבי, ווען קען זיין נקראת קבלה? די אורייתא דעתיקא סתימאה, דאיהי בין תרין דרועין דמלכא, משיג זיין די אורייתא דעתיקא איז דורך תשובה, די צוויי חדשים איז ימי תשובה, דו וועסט משיג זיין קבלה, די אורייתא דעתיקא סתימאה. תרין דרועין דאס איז תשרי וניסן, דאס איז ימי תשובה, כי בם הוא ימי תשובה, כי בניסן עתידין ליגאל[מט], די גאולה וועט דאך זיין נאר דורך תשובה, ובא לציון גואל ולשבי פשע[נ], וכו'.

(חסר)

## נישט געווארן אין כעס

מען דערציילט, איינער פון גאר פון די גדולים האט פארקויפט א הויז צו קויפן א אתרוג, ער האט געקויפט אן אתרוג, און נאכדעם איז זי געווארן אין כעס האט זי גענומען און אים אפגעביסן דעם פיטום.

ר' מיכל זלאטשעווער איז געווארן אן איידעם ביי אן ארענדאר, און זי האט דאס געהערט אז ער האט פארקויפט עפעס - איך וויים? עפעס א הויז צו א פעלד, עפעס נכסים.

און זיי פלעגן זאגן די צדיקים, 'אן ארענדאר'ס א טאכטער קומט אזוי טאן', נאר אן ארענדאר'ס א טאכטער קען אזוי טאן, ר' מיכל'ע איז נישט געווארן אין כעס, (רמ"ב: ער האט געזאגט עפעס א ווארט: נישט קיין אתרוג, כאטשיג פריילך זיין!).

## אזוי פירט דער אייבערשטער - כאטש מיר פארשטייען נישט

(רמ"ב: איר האט דערציילט עפעס א מעשה יענע וואך ווען איך בין נישט געווען, א מעשה מיט אן ארענדאר מיטן רבי'ן? אז א איד איז געווען א ארעמאן?) דער רבי האט דערציילט די מעשה, יענער האט געהאט א קרעטשמע, אן ארעמאן, אן ארענדאר, אין יעדן דארף איז געווען א קרעטשמע (וואס דאס איז געווען) א הויז אויף צו וואוינען, און אין דער קרעטשמע האט ער געטיילט דארטן בראנפן, עס איז געווען א פרנסה. אבער זיי האבן

---

[מט] ראש השנה י"א ע"א.

[נ] ישעיה נט, כ.

נישט געהאט צו צאלן די רענט (שכר מגורים) דארט, אלע דריי יאר האט מען פארקויפט, ווער עס קויפט די ארענדע, דער פריץ דער גראף האט געמאכט אן (אויספארקויף) - - (דער איז געווען) א איד אן ארעמאן, און מען האט אים נישט געוואלט טשעפען, אבער איינער איז געקומען און אויסגעקויפט די קרעטשמע, ער האט געגעבן עפעס מערער, און דעם ארעמאן האט מען ארויסגעווארפן פון שטוב אינגאנצן. עס איז געווען א געוואלדיגע זאך, ער טוט אזא מין זאך. דער רבי האט אויסגעלאזט, און דער מענטש האט קיין קינדער נישט געהאט, און דאס יאר האט ער געהאט א קינד [דער וואס האט אויסגעקויפט] און אזוי פירט דער אויבערשטער! (כך הפטיר רבינו).

דער רבי האט דערציילט די מעשה, אז מען זעהט אז דער אויבערשטער איז נעלם מעין כל חי, (ער האט) דערציילט די מעשה, (און אויסגעפירט:) "און אזוי פירט דער אויבערשטער!".

(רמ"ב: יענער האט געמאכט א רשעות) יא, און איז דאס יאר נפקד געווארן מיט א קינד – 'און אזוי פירט דער אויבערשטער! מסתמא איז דאך דארטן געווען זאכענישן וואס יענער האט געדארפט אוועקגיין פון דער וועלט, אויבן מאכט מען שוין א בייט, (ממונו ופרנסתו תחת המיתה).

דער ענין פון אמונה הייסט - שלימות אמונה, עס זאל דיר נישט זיין קשה די השגחה פונעם אויבערשטן! דאס איז דער עיקר אמונה.

אז מען הייבט אן איינעם פרעגלען, מען הייבט אים אן צו פרעגלען פון אויבן, זאל דיר נישט זיין קשה די הנהגה פונעם אויבערשטן. מען קען נישט פארשטיין דעם אויבערשטנ'ס הנהגה, דער רבי דערציילט דא א מעשה, 'און אזוי פירט דער אויבערשטער!' – קען מען דען פארשטיין דאס? ווער קען דאס פארשטיין?!

(רמ"ב: ר' שמשון בארסקי האט זיך געדרייט אסאך ביי ר' משה ברסלב'ער?) יא, אוודאי, ער האט אים אינגאנצן מקרב געווען, פריער איז ער געווען א לערער אין הייזער, ער האט געלערנט מיטן רב'ס קינדער אויך, ער איז אריינגעגאנגען לערנען אין שטוב פונעם טשעהרינער רב, (רמ"ב: מיט ר' חיים?) מיט די יינגערע קינדער, דער טשעהרינער רב האט זיי נישט געוואלט געבן אין קיין שולע, איז ער אריינגעגאנגען לערנען מיט זיי, מיט קליינע קינדער האט ער געלערנט, דאס איז אלץ געווען פריער, אבער נאכדעם ווען ער

איז געווארן א חסיד, האט ער דאס אוועקגעווארפן, אוועקגעווארפן אלעס און איז געוועזן אן ארעמאן א גרויסער עטליכע יאר, ער האט געוואוינט אין בארדיטשוב אויך א שטיקל צייט, נאכדעם איז ער ארויס קיין אומאן - -

(רמ"ב: פון וואנעט האט ער געהאט פרנסה, פון די שול?) וואס פון די שול? זיי זענען געוועזן ארימעלייט!, ער (ר' שמשון) האט געהאט ארימקייט, און ער האט קיינמאל נישט געהאט אויף שבת.

איך בין געוועזן א חזן אין שול, און דארטן א חזן אז ס'איז דא א בעל שמחה און מען האט א חזן (גיט מען לכבוד די שמחה פארן חזן) אבער ביי אונז א שמחה האט מען בעדארפט נאך צוטראגן זיי - -

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **שמשון צבי פאגעל** הי"ו
**וויליאמסבורג יצ"ו**
לרגל שמחת
**תגלחת בנו אליעזר למזל טוב**

מוה"ר **אליעזר ניימאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו
כמר **יעקב מאיר** נ"י
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **חיים ווייס** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למזל טוב**
עם החתן כמר **שמעון הכהן** נ"י
בן מוה"ר **אשר הכהן ברעכנער** הי"ו
חתן הרה"ג ר' **מנחם מאיר פרידמאן** שליט"א
**וויליאמסבורג יצ"ו**

לעילוי נשמת מרת **אסתר צירל** בת ר' **צבי אלימלך** ע"ה
**יום היארצייט י"ז שבט**
בעבור שבניה מוה"ר **אלתר** ומוה"ר **בערל וואגשאהל** הי"ו, נדבו לעילוי נשמתה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה